# די יורשים

## א.

„די מאירס מיט די שניאורס”... אייגנטלעך, זײַנען דאָס געווען נאָר  א יי ן  מאיר און נאָך  א יי ן  שניאור, און געווען זײַנען זיי אַ צווילינג, און אַזוי שטאַרק ענלעך איינס מיט דאָס אַנדערע, אַז עס זײַנען געווען צײַטן, וואָס ס׳איז כמעט אוממעגלעך געווען צו טרעפן, ווער פון די צוויי איז דאָ מאיר און ווער איז דאָ שניאור.

קינדווײַז, דערציילט מען, האָט זיך געטראָפן מיט זיי אַ מעשה, מע האָט זיי שיער נישט פאַרביטן, און אפשר קאָן זײַן, אַז מע האָט זיי טאַקע פאַרביטן. ומעשה שהיה כך היה.

זייער מוטער איז געווען, דאַרפט איר וויסן, אַ יידענע אַ קליינינטשקע, נעבעך נישט קיין געזונטע, נאָר זייער אַ קינדלדיקע, דאָס הייסט, זי האָט אַף איר לעבן שטאַרק געקינדלט; אַלע יאָר, אַלע יאָר האָט זי געהאַט אַ קינד. דאָס קינד האָט אָבער נישט מער געמוטשעט זיך ווי אַ יאָר און איז, נישט פאַר אײַך געדאַכט, אַוועקגעקומען. אַזוי לאַנג, ביז זי האָט אויפגעהערט צו קינדלען און האָט געמיינט, ס׳איז אַן עק. צום סוף — דעם אייבערשטנס נסים! — האָט זי גאָט באַגליקט, אַף דער עלטער שוין, און דווקא מיט אַ פּאָרל! איז איר אָבער שווער געווען אַליין אויסזייגן ביידע קינדער, האָט זי נעבעך געמוזט דינגען אַ צוזייגערן. אַ ברירה האָט זי געהאַט? אַ כתרילעווקעו ייִד, ער מעג זײַן ווי אָרעם, וועט ער אַף דער גאַס קיין קינד נישט אַרויסוואַרפן און אַף פרעמדע הענט דאָס נישט אוועקגעבן, סײַדן חלילה אַ יתום...

באַשטעלט אַ צוזייגערן, האָט די מוטער גענומען זיך מאירן (מאיר איז געווען עלטער פון שניאורן אַף אַ גוטע האַלבע שעה), און שניאורן

האָט זי אָוועקגעגעבן דער אַם. נאָר אַזוי ווי די אַם איז אויך געווען, נישט פֿאַר אײַך גערעדט, אַ ייִדענע נישט קיין געזונטע, האָבן ביידע, אי מאיר אי שניאור, געהאַט מכות נישט קיין מילך, און זיי זיינען ביידע נעבעך אויסגעגאַנגען פון הונגער, געשריגן גאַנצע נעכט, זיך געריסן אַף די גלײַכע ווענט.

ויהי היום, האָט מען גענומען איינמאָל די קינדער באָדן, געוויינטלעך, אין איין מולטער. אויסגעטאָן זיי די העמדלעך און אַרײַנגעלייגט זיי ביידן אין הייס וואַסער אַרײַן, זײַנען ביידע ברעקלעך געוואָרן רויט און אָנגעבלאָזן, ווי פּאַכירלעך; עס ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן פון דעם באָד משונה הנאה געהאַט — אַ ייִד האָט ליב אַ באָד... ביידע זייגערנס זײַנען געשטאַנען איבער דער מולטער און האָבן אונטערגעגאָסן אַלע מאָל פריש וואַסער, און די קינדער האָבן אָנגעקוואָלן, געמאַכט מיט די הענטלעך און מיט די פיסלעך, ווי אַ זשוקל, האָט איר געזען אַמאָל, אַז מע קערט אים איבער מיטן בײַכל אַרויף. אָפּגעבאָדן, האָט מען דאָס פּאָרל אַרויסגענומען, אײַנגעהילט אין אַ לײַלעך (איין לײַלעך) און אַרײַנגעלייגט אין בעט אַרײַן, (אין איין בעט אַרײַן), זיי זאָלן זיך אַביסל אָפּטריקענען. און אַז ס'איז געקומען צום אָנטאָן זיי צוריק די העמדלעך, האָט מען נישט געקאָנט שוין דערקענען, ווער פון די צוויי איז מאיר און ווער איז שניאור? און ס'איז אָוועק אַ שפּאַרעניש צווישן דער מאַמען און דער זייגערן:

— זע נאָר, זע, כ'וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס איז גאָר מאיר און יענץ איז שניאור!

— ווייס איך וואָס איר רעדט! דאָס איז שניאור און יענץ איז מאיר! איר זעט דען נישט?

— וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר! ביסט משוגע, צי חסר־דעה?

— אַך, רבונו־של־עולם! איר זעט נישט נאָך די אויגן, אַז דאָס איז שניאור און יענץ איר מאיר? זעט נאָר צוויי אויגן!

— ס'אַ גוטער משל! פּאַרשטייט זיך, צוויי אויגן, נישט קיין דרײַ.

בקיצור, איינע שרײַט אַף מאירן, אַז ס'איז שניאור, און אַף שניאורן, אַז מאיר, און די אַנדערע — אַז שניאור איז מאיר און מאיר איז שניאור. זײַנען מאַנצבילן געפאָלן אַף אַ עצה. פּאַרט מאַנצבילן!

—ווייסט איר וואָס? פּרוווט זיי געבן זייגן, וועלן מיר זען:

דער וואָס וועט אָננעמען באַ דער מוטער, איז אַ סימן, אַז ס'איז מאיר, און דער וואָס וועט אָננעמען באַ דער אָם, איז אַ סימן, אַז ס'איז שניאור. אַ פּראָסטער שכל!

כך הוה. ביידע ברעקלעך, מע האָט זיי נאָר צוגעטוליעט צו דער ברוסט, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט ווי נאָך אַ תענית, געצויגן ווי פּיאַווקעס, געסמאַקעצט מיט די ליפּן, בשעת מעשה געדריגעט מיט די פּיסלעך און אונטערגעוואָרטשעט, ווי הונגעריקע הינטלעך.

— גאָטס נסים! זעט, ווי דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט!

אַזוי האָבן געזאָגט די מאַנצבילן מיט טרערן אין די אויגן און זײַנען אַ בעלן געווען אַף טשיקאַוועס פּרוּוון איבערבײַטן די ברוסט, זען וואָס דאָ וועט זײַן? און מע האָט די קינדערלעך נעבעך אָפּגעריסן פון דער ברוסט, און מע האָט זיי איבערגעלייגט: שניאורן אַף מאירס אָרט און מאירן אַף שניאורס אָרט — וואָס, מיינט איר, איז געווען? איר מיינט אַוודאי, אַז זיי האָבן נישט געזויגן? נאָך אַ מין זייגן!...

פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך שוין מיאש געווען פון זיי און מע האָט שוין אויפגעהערט צו אונטערשיידן: ווער איז מאיר און ווער איז שניאור. לאָז זײַן מאיר־שניאור און שניאור־מאיר. און מע האָט זיי אַ נאָמען געגעבן: „די מאירס מיט די שניאורס", דאָס הייסט, יעדער פון די צוויי איז געווען פאַר זיך אַ מאיר מיט אַ שניאור... נישט איין מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז מע האָט אין חדר אָפּגעשמיסן מאירן, ווען מע האָט באַדאַרפט שמײַסן שניאורן, אָדער פאַרקערט, מע האָט אַרײַנגעצימבלט שניאורן, דעמאָלט ווען די שמיץ איז געקומען מאירן. און בכדי עס זאָל נישט זײַן נאָכדעם קיין פאַרדראָס, פלעגט דער רבי פאַלן אַף אַן עצה (ווו תורה, דאָרט איז חכמה!):

— ווייסט איר וואָס, קינדערלעך? לייגט זיך אָקאָרשט אַוועק ביידע, וועט נישט זײַן קיין קנאה, מיך געשמיסן, דיך געשמיסן, אַ שיינע ריינע כפּרה, צווישן דער משפּחה וועט עס בלײַבן...

ערשט העט־שפּעטער, נאָך דער בר־מצווה, אַז די מאירס מיט די שניאורס האָבן זיך אויפגעכאַפּט אַף די פיס, איז מיטאַמאָל געוואָרן צווישן זיי אַ חילוק, אַז מע האָט זיי שוין געקאָנט דערקענען באַנאַכט פאַר אַ מײַל. גאָטס וווּנדער! עס האָט זיך אָנגעהויבן שיטן באַ זיי אַ בערדל (זיי האָבן, אַפנים, ביידע צו־פרי אָנגעהויבן רויכערן ציגאַרן?),

און בא מאירן האָט זיך באַוויזן אַף די בעקלעך און אַף דער אייבערשטער ליפּ שוואַרצע הערלעך (אָבער שוואַרץ ווי טינט!), און בא שניאורן — רויטע הערלעך (אָבער רויטע אַזוי ווי פֿייער!). די דאָזיקע בערד זײַנען געוואַקסן בא זיי ווי מיט רוחות (זיי האָבן, אַפּנים, ביידע צו שטאַרק גערויכערט ציגאַרן), אַזוי, אַז צו דער חופּה האָבן זיי געטראָגן צוויי בערד, וואָס זאָג איך בערד? — בעזעמער! איינער אַ שוואַרצן בעזעם, און דער אַנדערער אַ רויטן בעזעם, און אויסגעזען האָט עס, ווי עמעצער האָט זיי די בעזעמער אָנגעהאַנגען.

גרויס זײַנען די ווערק פֿון גאָט און זײַנע וווּנדער האָבן נישט קיין ברעג! וואָרעם ווער ווייס וואָס דאָ וואָלט געקאָנט אַרויס, ווען, למשל, נאָך דער חתונה פֿאַרבײַטן זיי זיך חלילה מיט די ווײַבער — מיין איך פֿאַרקערט: די ווײַבער פֿאַרבײַטן זיך מיט די מאַנען. איך ווייס נישט, וויאַזוי בא אײַך, אין די גרויסע שטעט; בא אונדז אין כתרילעווקע האָט זיך לעת־עתה אַזאַ מעשה נאָך נישט געטראָפֿן, מע זאָל זיך פֿאַר־בײַטן מיט די יוצרות. ממה נפשך: בין איך דײַן ווײַב, ביסטו מײַן מאַן, און ביסטו מײַן מאַן, בין איך דײַן ווײַב; אלא וואָס דען? ביסט יענערס מאַן, בין איך יענעמס ווײַב, בין איך יענעמס ווײַב, ביסטו יענערס מאַן. אַ קשיא, טאָמער איז געמאָלט, אַז מײַן מאַן זאָל זיך מיישב זײַן און זאָגן, אַז עס מאַכט אים נישט אויס יענעמס ווײַב אויך — וואָס הייסט? נו, און ווּ בין איך? איך וועל אים שווײַגן???!!

הקיצור, נישט דאָס איז דער עיקר, וואָס איך האָב אײַך געוואָלט דערציילן. די רעכטע מעשה הייבט זיך ערשט אָן.

## ב.

ביז הײַנט האָבן מיר זיך באַשעפֿטיקט נאָר מיט די מאירס און שניאורס, דאָס הייסט, מיט מאירן און מיט שניאורן, און אַביסל באַקענט זיך מיט זייער מוטער און מיט דער זייגערן. און האָבן נישט גערעדט קיין וואָרט נאָך פֿון זייער פֿאָטער. גלײַך ווי זיי וואָלטן חלילה קיינמאָל נישט געהאַט קיין טאַטן... לאָז גאָט היטן! אַזאַ זאַך קאָן זיך טרעפֿן נאָר בא זיי, נישט בא אונדז. בא אונדז איז נישטאָ, ברוך־השם, קיין פֿינדל־הויז, ווּ קינדער זאָלן וואַקסן אָן אַ טאַטע־מאַמע; בא אונדז האָט זיך נאָך נישט געטראָפֿן, אַז אַ קינד זאָל אויפֿוואַקסן און נישט ווייסן, ווער

איז זײַן ריכטיקער טאַטע; און אויב ס'זאָל אַמאָל דורכגעפאַלן בײַ אונדז אַזאַ מעשה, האָט זיך עס געווים געטראָפן ערגעץ אין אָדעס, אין פּאַריז, אָדער אין ווײַטן אַמעריקע... פֿאַר כתרילעווקע בין איך אײַך ערב, אַז דאָרט האָט זיך אַזאַ מעשה נישט געטראָפן קיינמאָל, און אויב ס'האָט זיך געטראָפן, האָט זיך עס געטראָפן ערגעץ ווייס איך מיט וועמען, מיט אַ דינסטמיידל, אָדער אַזוי מיט אַ ייִדישער טאָכטער נעבעך, וואָס איז פֿאַרפֿירט געוואָרן דורך אַ צופֿאַל, געפֿאַלן אַ קרבן פֿאַר פֿרעמדע זינד...

הקיצור, די מאַירס מיט די שניאורס האָבן געהאַט אַ טאַטן, און נאָך אַ שיינעם טאַטן דערצו, און געהייסן האָט ער רב שמשון, אַ ייִד אַן ערלעכער, און געהאַט האָט דער רב שמשון אַ באָרד, אַ גרויסע, אַ רײַכע, אַ שיינע באָרד, אַ „זקנה"! מע קאָן זאָגן, אַז בײַ רב שמשונען איז געווען מער באָרד ווי פּנים, איבער דער דאָזיקער באָרד האָט מען כמעט נישט אַרויסגעזען דאָס פּנים, און דערפֿאַר טאַקע האָט ער אין כתרילעווקע נישט געהאַט קיין אַנדער נאָמען, ווי רב שמשון באָרד.

און געווען איז דער רב שמשון באָרד... לאָמיך אַזוי ווײַזן בײַז, וואָס ער איז געווען. ער איז געווען אַ ייִד, וואָס האָט כל ימיו געמוטשעט זיך, געפּלאָגט זיך איבערן שטיקל ברויט, מלחמה געהאַלטן מיטן דלות; אַ מאָל האָט ער בײַגעקומען דעם דלות, אַ מאָל — דער דלות אים, ווי דער שטייגער איז פֿון די כתרילעווקער ייִדן, וואָס האָבן קיין מורא נישט פֿאַרן דלות, שטעלן אים אויס דרײַ פֿײַגן..

און געלעבט האָט דער רב שמשון באָרד אַזוי לאַנג, ביז ער איז געשטאָרבן. און אַז ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים באַהאַלטן מיט גרויס כבוד, כמעט די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה.

— ווער איז געשטאָרבן?

— רב שמשון.

— וואָסער רב שמשון?

— רב שמשון באָרד.

— אוי־וואַ! איז שוין, הייסט דאָס, רב שמשון באָרד אויך אַוועקגעקומען? ברוך דיין אמת!

אַזוי האָט מען געשמועסט אין כתרילעווקע און באַדויערט נישט אַזוי רב שמשונען אַליין, ווי דאָס, וואָס אין שטאָט ווערט ווינציקער אַלע מאָל מיט אַ ייִדן. משונה־מאָדנע ברואים אָט די כתרילעווקער ייִדן: לאַ־די

זיי זײַנען אַזעלכע אָרעמע לײַט, וואָס זײַנען קיינמאָל נישט זאַט, וואָלטן זיי נאָך אַ בעלן געווען, אַז קיינער זאָל באַ זיי נישט שטאַרבן. זייער איינציקע טרייסט איז, וואָס שטאַרבן שטאַרבט מען אומעטום, אַפילו אין פּאַריז, און וואָס אויסקויפן זיך פונעם טויט קויפט זיך נישט אויס קיינער, און אַפילו רויטשילד אַליין, וואָס איז כמעט גרעסער פונעם מלכות, פונדעסטוועגן, אַז עס קומט די צײַט פון שטאַרבן, בעט מען אים מחילה, ער זאָל זיך מטריח זײַן אַהינצוצו — און ער מוז גיין!

אַצינד קערן מיר זיך אום צוריק צו די מאירס מיט די שניאורס. כל זמן רב שמשון באָרד האָט געלעבט, זיינען די מאירס מיט די שניאורס געווען, קאָן מען זאָגן, נפש אחת, געלעבט איין זעל, איין נשמה. און אַז רב שמשון באָרד איז געשטאָרבן, זײַנען זיי געוואָרן פײַער מיט וואַסער, גרייט געווען אַלע מינוט אַרויפפאַלן איינס אַף דאָס אַנדערע און אויסרײַסן זיך די בערד. איר ווילט וויסן, איבער וואָס? אַדרבה, זאָגט איר, איבער וואָס קריגן זיך קינדער נאָכן טאַטנס טויט? פאַרשטייט זיך, איבער ירושה. אמת, רב שמשון האָט נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין פעלדער, קיין וועלדער, נחלאות, הײַזער, רענטעס, און מזומן געלט אוודאי נישט. און קיין צירונג, זילבער און כלי־בית האָט ער אויך נישט איבערגעלאָזט פאַר די קינדערס וועגן, נישט מחמת שלעכטקייט אָדער קאַרגשאַפט, נאָר פשוט, ווײַל ער האָט נישט געהאַט. דאָך זאָלט איר נישט מיינען, אַז רב שמשון האָט חלילה נישט איבערגעלאָזט זײַנע קינדער גאָרנישט. רב שמשון האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ מאַיאָנטעק, אַ מין שוה־כסף, וואָס מע קאָן צו יעדער צײַט מאַכן פון דעם געלט, מע קאָן דאָס פאַרזעצן אין משכון פאַרדינגען אָדער פאַרקויפן. דאָס איז געווען אַן אייגענע שטאָט אינעם אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש, אויבן־אָן אין מזרח, סאַמע די צווייטע שטאָט פון רב יוזיפל דעם רב, די אַנדערע, הייסט דאָס, פונעם אָרון־קודש. אמת, די כתרילעווקער חכמים זאָגן אַפילו אַ גלײַכווערטל, אַז ס'איז גלײַכער אַן אייגן דאָרף אין דרויסן איידער אַן אייגענע שטאָט אין שול; דאָס איז אָבער נישט מער ווי אַ גלײַכווערטל, און אַז גאָט העלפט, מע האָט זיך טאַקע אַן אייגענע שטאָט, און נאָך אין מזרח־וואַנט דערצו, איז טאַקע ניט שלעכט. און בעסער פון גאָרנישט איז דאָס אוודאי.

בקיצור, רב שמשון באָרד האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שטיקל נחלה, אַן אייגענע שטאָט אין אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש. נאָר ער

האָט פאַרגעסן איין קליינינקייט — אָנזאָגן, וועמען ער לאָזט איבער בירושה די דאָזיקע שטאָט: מאירן, צי שניאורן?

אפנים, רב שמשון, זאָל ער מיר מוחל זײַן, האָט זיך גאָרנישט געריכט צו שטאַרבן? ער האָט פאַרגעסן, אַז דער מלך־המוות שטייט תמיד הינטער די פּלייצעס און היט אונדז די טריט, אַניט וואָלט ער זיכער געשריבן אַ צוואה, אָדער אַזוי אָנגעזאָגט פאַר עדות, וועמען פון די צוויי זין לאָזט ער איבער זײַן מאַיאָנטעק.

וואָס זאָלט איר קלערן? אוודאי איז דעם ערשטן שבת וואָס נאָך שלשים שוין אַרויסגעשפּרונגען אַ מחלוקת צווישן די צוויי ברידער. מאיר, פאַרשטייט איר מיך, האָט געטענהט, אַז על־פּי דין קומט דעם טאַטנס שטאָט אים, וואָרעם ער איז דאָך דער עלטערער (אַף אַ גוטע האַלבע שעה!). און שניאור האָט געטענהט צוויי טענות מיט אַ מאָל: ערשטנס, ווייס מען ניט, ווער איז פון זיי דער עלטערער, וואָרעם ווענדליק די מאַמע דערציילט, אַז מע האָט זיי קינדווײַז פאַרביטן, קאָן דאָך געמאָלט זײַן, אַז ער, שניאור הייסט דאָס, איז מאיר, און מאיר איז שניאור. והשנית, האָט מאיר אַ שווער אַ נגיד, וואָס האָט אויך אַן אייגענע שטאָט אינעם בית־המדרש אין מיזרח־וואַנט, און קיין זון האָט ער נישט, ווּעט דאָך די שטאָט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אם ירצה השם, אַריבערגיין צו מאירן, ווּעט אויסקומען, אַז מאיר ווּעט האָבן צוויי שטעט אין מיזרח־וואַנט. און שניאור — אַפילו אַ האַלבע נישט! פרעגט זיך אַ קשיא: וווּ איז יושר? וווּ איז מענטשלעכקייט?

דערהערט אַזאַ טענה, האָט זיך אַרײַנגעמישט מאירס שווער, אַ ייִד אַ נגיד, אַן אויפגעקומענער, און איז אַרויס מיט פײַער: „אַביסל אַן עזות! איך בין נאָך ניט אַלט קיין פערציק יאָר אַפילו און האָב נאָך, ערשטנס, בדעה צו לעבן און לעבן, — צום סוף טיילן זיי זיך מיט מײַן ירושה! והשנית פון וואַנען ווייס מען, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט האָבן קיין ייִנגל? אמת, איך וועל טאַקע נישט האָבן, אָבער מײַן ווײַב קאָן נאָך האָבן אַ ייִנגל, און נישט איין ייִנגל, נאָר עטלעכע ייִנגלעך! אַביסל אַן עזות פון אַ שייגעץ!”.

האָבן זיך מענטשן אַרײַנגעלייגט אין אַ שלום, געוואָלט מאַכן אַ שטיקל פשרה, „יאַק נע פּסק טאָ פּסאַקעץ”, מע זאָל אָפּשאַצן די שטאָט, וויפל זי איז ווערט, און איין ברודער דעם אַנדערן זאָל אויסצאָלן, דאַכט זיך, אַ גלײַכע פשרה? איאָ? איז דער חסרון, וואָס ביידע ברידער האָבן

נישט געוואָלט הערן פון אַרויסצאָלן. ס'איז זיי נישט געגאַנגען אין געלט — געלט איז בלאָטע; ס'איז געגאַנגען אינעם עקשנות, אינעם צו־להכעים: פאַרוואָס זאָל אַ ברודער זײַן אַזאַ אײַנגעשפּאַרטע זאַך און נישט צולאָזן דעם צווייטן ברודער? און פאַרוואָס זאָלסטו זיצן אַפֿן טאַטנס אָרט און איך נישט? עס איז זיי שוין נישט געגאַנגען אַזוי אין זיך, ווי אין יענעם, איינער האָט נישט פאַרגונען דעם אַנדערן, ווי זאָגט מען דאָס: ג ם ל י ג ם ל ך — נישט מיר, נישט דיר... און די מאירס מיט די שניאורס האָבן גענומען קריגן זיך און טאָן איינער דעם אַנדערן אַף צו־להכעים. אַ קלייניקייט — נצחון?

דעם ערשטן שבת איז מאיר געקומען אַביסל פריִער און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דעם טאַטנס שטאָט, און שניאור איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אַף די פיס. דעם צווייטן שבת איז שניאור געקומען פריִער און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דעם טאַטנס אָרט, און מאיר איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט אַף די פיס. דעם דריטן שבת האָט זיך מיישב געווען מאיר און האָט זיך געפעדערט גאַנץ פרי, האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דער שטאָט, איבערגעדעקט זיך מיטן טלית איבערן קאָפּ — און טו מיר עפּעס! האָט זיך מיישב געווען שניאור דעם פערטן שבת און פעדערט זיך נאָך פריִער און זעצט זיך אַוועק אַף דער שטאָט און דעקט זיך איבער מיטן טלית איבערן קאָפּ — און רוף מיך קנאַקניסל! האָט זיך מיישב געווען מאיר דעם פינפטן שבת און פעדערט זיך נאָך פריִער... אַזוי לאַנג האָבן זיך די מאירס מיט די שניאורס געפעדערט, ביז זיי זײַנען איינמאָל אין אַ שיינעם שבת־הגדול געקומען צו גיין ביידע אין איין צײַט, ס'איז נאָך נישט געווען רעכט ליכטיק אין דרויסן, און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביידע באַ דער טיר פונעם בית־המדרש (דאָס בית־המדרש איז נאָך געווען צו), און מע האָט זיך גענומען קוקן אָן ווערטער. נאָר מלא גזלן איינס אַף דאָס אַנדערע, ווי די הענער, וואָס זיינען גרייט אָט־אָט אַרײַנשפּרינגען איינס דאָס אַנדערע אין פּנים אַרײַן און אויספּיקן זיך די אויגן... אַזוי, דאַרפן מיר רעכענען, זײַנען אַמאָל געשטאַנען די ערשטע צוויי ברידער, די ערשטע צוויי שונאים אַף דער וועלט קין און הבל, איינע אַליין אין פעלד, אונטער גאָטס הימל, מלא רציחה, גרייט צו דורס זײַן, אויפפרעסן איינס דאָס אַנדערע, פאַרגיסן אומשולדיק בלוט...

ג.

האָבן מיר, הייסט דאָס, איבערגעלאָזט די מאירס מיט די שניאורס באַ דער שול שבת אין דער פרי שטיין איינס אקעגן דאָס אַנדערע אָנגעדרודלט, ווי העגער, און גרייט אָדער אָנכאַפּן זיך באַ די בערד, אָדער אַרײַנפאָרן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַרײַן. מע דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די מאירס מיט די שניאורס זײַנען געווען טאַטנס קינדער, אָנשטענדיקע יונגעלייט, חלילה נישט קיין הפקר־יונגלעך, וואָס זאָלן אָנפאַלן איינס אַף דאָס אַנדערע, אַזוי ווי די גויִים, להבדיל. זיי האָבן אָפּגעוואַרט ביז עס וועט קומען עזריאל דער שמש און וועט אויפֿעפענען די טיר פונעם בית־המדרש, וועט מען שוין דעמאָלט זען, ווער עס וועט פריִער פאַרכאַפּן דעם טאַטנס שטאָט: צי מאיר, צי שניאור?

צען יאָר האָבן זיך געצויגן באַ זיי די מינוטן. קוים דערלעבט זען עזריאלן מיט די שליסל, און אַז עזריאל מיט דער קאָלטענעוואַטער באָרד איז אָנגעקומען, האָט ער נישט געקאָנט צוקומען מיטן שליסל צום שלאָס בשום אופן, ווײַל ביידע ברידער האָבן זיך צוגעשפּאַרט מיט די פּיס צו דער טיר, איינער מיט דעם רעכטן פוס, דער אַנדערער מיט דעם לינקן פוס, נישט געוואָלט אָפּטרעטן בשום אופן ואופן.

— וואָס־זשע וועט זײַן דערפון? — האָט זיי עזריאל אַ זאָג געטאָן און גענומען בשעת מעשה אַ שמעק טאַבאַק. — מילא, אַז איר וועט אַזוי שטיין ביידע אָנגעשפּאַרט, ווי די צאַפּעס, וועל איך נישט קאָנען עפענען די טיר, און דאָס בית־המדרש וועט שטיין אַזוי געשלאָסן אַ גאַנצן טאָג. ס'איז עפּעס אַ תכלית? נו, אדרבה, זאָגט שוין איר אַליין!

עס ווײַזט אויס, אַז די דאָזיקע ווערטער האָבן געהאַט אַ ווירקונג, מחמת די מאירס מיט די שניאורס האָבן זיך ביידע געגעבן אַ רוק צוריק, איינער רעכטס, דער אַנדערער לינקס, געמאַכט אַן אָרט פון עזריאלס וועגן, ער זאָל קאָנען צוטרעטן מיטן שליסל צו דער טיר און אויפשליסן דעם רוקער. און אַז דער רוקער האָט זיך געגעבן אַ רוק און די טיר האָט זיך געגעבן אַן עפן־אויף, האָבן זיך די מאירס מיט די שניאורס געגעבן ביידע אַ לאָז־אַרײַן.

— פּאַוואָליע, אָט וואַלגערט איר אום אַ ייִדן! — האָט אויסגעשריען עזריאל דער שמש, און איידער ער האָט געקאָנט אויסריידן נאָך

אײן װאָרט, איז ער שױן געלעגן נעבעך אַ צעטראָטענער אונטער זײערע פֿיס און געשריגן ניט מיט זײן קול:

— פּאַװאָליע, אַט צעטרעט איר אַ ייִדן, אַ טאַטן פֿון קינדער!...

די מאירס מיט די שניאורס האָבן אָבער אין זינען געהאַט עזריאל דעם שמש מיט זײַנע קינדער אין דער לינקער פּאה. זײ איז געלעגן אין זינען די שטאָט, דעם טאַטנס שטאָט, — און האָבן זיך בײדע געגעבן אַ לאָז אַהין, אױבן־אָן, צו מזרח צו, געגעבן אַ שפּרונג־איבער איבער אַלע בענק און שטענדערס, און געקומען צו דער שטאָט, האָבן זײ זיך בײדע געגעבן אַ זעץ־אַנידער און אַ שפּאַר־אַרײַן מיט די פּלײצעס אין װאַנט אַרײַן און מיט די פֿיס אין דער פּאָדלאָגע, און פֿון גרױס שפּאַרעניש זײַנען זײ אַרױף אײנס אַף דאָס אַנדערע און אָנגענומען זיך בײַ די בערד און געפּינעט און געקריצט מיט די צײן און געכאָרכלט:

— מכות װעסטו זיצן אַף דער שטאָט!

אין דער דאָזיקער צײַט האָט זיך עזריאל דער שמש דערװײַל אױסגעגלײַכט די בײנער און צוגעגאַנגען צו די מאירס מיט די שניאורס און דערזען װי זײ ליגן בײדע און האַלטן אײנס דאָס אַנדערע בײַ די בערד, האָט ער אַ פּרוּװ געטאָן פֿריִער מיט גוטן, אַזױ צו זאָגן:

— אי־פּע, שעמען מעגט איר זיך! צװײ ברידער, צװײ לײַבלעכע ברידער פֿון אײן טאַטע־מאַמע, זאָלן זיך האַלטן בײַ די בערד! און נאָך אין אַ מקום קדוש דערצו! אי־פּע!...

עזריאל דער שמש האָט אָבער אַרױסגעזען אַז אין דעם מאָמענט גראָדע איז זײַן מוסר גאַנץ אומזיסט, אַרױסגעװאָרפֿן אַפֿן װינט; אדרבה, ער האָט מיט זײַנע רײד, קאָן מען זאָגן, אונטערגעגעבן נאָך מער היץ, און די צװײ ברידער פֿון אײן טאַטע־מאַמע זײַנען אַזױ װײַט אַרײַן אין דער רציחה. אַז בײַ אײנעם אין האַנט איז געװען אַ זשמוט מיט שװאַרצע האָר (פֿון מאירס באָרד) און בײַם צװײטן אין האַנט איז געװען אַ זשמוט מיט רױטע האָר (פֿון שניאורס באָרד), און אױך פֿלעקן בלױע האָבן זיך באַװיזן בײַ זײ אַף די פּנימער, און בײַ אײנעם פֿון זײ האָט זיך געטאָן אַ לאָז בלוט פֿון דער נאָז.

כל זמן עס האָט נאָך געהאַלטן בײַ בערד מיט פּעטש, קלעפּ, בורבענצעס וכדומה אַזעלכע מינים זאַכן, האָט עזריאל הער שמש נאָך גע־

קאָנט ריידן אַ פּאָר ווערטער, זאָגן אַביסל מוסר. דערזען אָבער, ווי עס גיסט זיך שוין בלוט, האָט עזריאל מער נישט געקאָנט אײַנשטיין, וואָרעם בלוט — עס מעג זײַן אַפילו פון אַ נאָז — איז זייער אַ מיאוסע זאַך, וואָס פּאַסט פאַר גויים, נישט פאַר יידן. פע, חולשי חלשות!... און עזריאל דער שמש האָט נישט לאַנג געטראַכט, האָט זיך געגעבן אַ לאָז־אַוועק אין פאָליש אַרײַן, געכאַפּט אַן עמער וואַסער און געגעבן אַ גאָס־אויס אַף ביידע ברידער.

קאַלט וואַסער איז פון תמיד אָן, זינט די וועלט שטייט, דאָס בעסטע מיטל אַף אויפצומונטערן אַ מענטשן; אַ מענטש, ער מעג זיך זײַן אין גרעסטן כעס, אין ערגסטן גרימצאָרן, אַז ער באַקומט אַ קאַלטע באָד, אַזוי ווערט ער אויפגעפרישט, אָפּגעקילט און קומט צו זײַנע געדאַנקען... פון דעם דאָזיקן אומגעריכטן קאַלטן באָד, וואָס עזריאל האָט זיי מכבד געווען, האָבן די מאירס מיט די שניאורס ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף, האָבן זיך אַ קוק געטאָן איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אַרײַן און האָבן זיך פאַרשעמט, ווי אָדם מיט חוהן בשעת זיי האָבן פאַרזוכט פונעם עץ־הדעת און דערזען, אַז זיי זײַנען נאַקעט... און טאַקע דעם זעלבן שבת־צו־נאַכטס זײַנען די מאירס מיט די שניאורס געגאַנגען מיט נאָך מענטשן צו רב יוזיפל דעם רב, זיך פאַרלאָזן אַף מענטשן, וואָס מענטשן וועלן געפינען.

## ד.

דאָס כתדילעווקע זאָל נישט זײַן אַזאַ העק און ס'זאָל נישט ליגן פאַרוואָרפן אַזוי ווײַט פון דער גרויסער וועלט, און דאָרטן זאָלן, למשל, דערשײַנען גאַזעטן, צײַטונגען און זשורנאַלן, וואָלט די וועלט געוויס געהאַט צו טאָן מיט רב יוזיפל דעם רב. אַלע בלעטער וואָלטן געווען פול מיט אים און מיט זײַן חכמה. חכמים, גרויסע געלערנטע, באַרימטע לײַט פון דער וועלט וואָלטן זיך געלאָזט צו אים, זען אים באַשיינפערלעך און הערן פון זײַן מויל אַלע קלוגע דיבורים. פאָטאָגראַפן און צייכנער וואָלטן אַראָפּגענומען זײַן בילד און וואָלטן עס פאַרשפּרייט אין אַלע עקן פון דער וועלט. אינטערוויוערס וואָלט אים געדולט דעם קאָפּ, נישט געלאָזט לעבן. זיי וואָלטן וועלן וויסן אַלצדינג. וואָס באַ אים טוט זיך. וואָסער מאכלים ער האָט ליב? וויפל שעה אין טאָג שלאָפט ער? צי גלייבט ער

אין השאָרת־הנפֿש? וואָס פֿאַר אַ מיינונג האָט ער וועגן רויכערן סיגאַרעטן, און צי האַלט ער פֿון פֿאָרן אַף אַ וועלאָסיפּעד, וכדומה? נאָר אַזוי ווי כתרילעווקע איז אַ העק און עס ליגט פֿאַרוואָרפֿן ווײַט פֿון דער גרויסער וועלט, און דאָרטן דערשיינען נישט קיין גאַזעטן, צײַטונגען און זשורנאַלן, האָט די וועלט קיין שום ידיעה נישט פֿון רב יוזיפֿל דעם רבֿ. די בלעטער דערמאָנען נישט אַ מאָל זײַן נאָמען. חכמים, גרויסע געלערנטע און באַרימטע לײַט פֿאָרן נישט צו אים. פֿאָטאָגראַפֿן און צייכנער נעמען נישט אַראָפּ זײַן בילד. אינטערוויוערס לאָזן אים צורו. און רב יוזיפֿל לעבט זיך אָפּ זײַן וועלט שטיל, באַשיידן, אָן געפּילדער, אָן טאַרעראַם, קיינער ווייס נישט פֿון אים צו זאָגן, אויסער די שטאָט כתרילעווקע, וואָס באַוווּנדערט אים, האַלט פֿון אים אַן עולם ומלואו און גיט אים אָפּ פּיל־פּיל כּבֿוד (קיין געלט איז אין כתרילעווקע נישטאָ, אָבער כּבֿוד — וויפֿל איר ווילט!...). זיי זאָגן אַף אים, אַז ער איז אַ נסתּר, אַ פֿאַרבאָרגענער חכם, וואָס באַווײַזט זיך נישט אַרויס מיט זײַן חכמה. נאָר אַז מע קומט צו אים מיט אַ משפּט, זעט מען ערשט דעמאָלט אַרויס, ווי עמוק ער איז, ווי טיף, ווי שאַרף, טאַקע נאָר חכמת שלמה!

אָפּגעמאַכט הבדלה און אָפּגעזאָגט המבדיל, זײַנען די מאירס מיט די שניאורס געקומען צום רב רב יוזיפֿל אַף אַ דין־תּורה און האָבן געטראָפֿן דאָרטן שוין אַ פֿולע שטוב מיט מענטשן. די שטאָט איז נײַגעריק געווען צו הערן, ווי אַזוי וועט עס דאָ רב יוזיפֿל פּסקענען? ווי אַזוי וועט ער דאָ אײַנטיילן איין־און־איינציקע שטאָט צווישן צוויי ברידער? קודם כּל האָט רב יוזיפֿל געלאָזט די צדדים, זיי זאָלן זיך אַ ביסל אויסטענהן. רב יוזיפֿל גייט מיט דעם גאַנג, אַז פֿאַרן משפּט באַדאַרף מען די צדדים לאָזן טענהן, וואָרעם נאָכן משפּט וואָס וועט זיי העלפֿן דאָס טענהן? נאָכדעם האָט ער געלאָזט אויך עזריאל שמש, ער זאָל ריידן וויפֿל ער וויל. עזריאל איז דאָך דאָ דער רעכטער עדות. און גלאַט בעלי־בתּים האָבן גערעדט, ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן — דער האָט זיך אַרײַנגעמישט מיט אַ וואָרט, און נישט מיט איין וואָרט, נאָר מיט אַ סך ווערטער. רב יוזיפֿל איז אַ מענטש, ברוך־השם, וואָס לאָזט ריידן אַלעמען. איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז רב יוזיפֿל איז אַ שטיקל פֿילאָזאָף: ער גייט מיט דעם גאַנג, אַז וויפֿל אַ מענטש זאָל נישט ריידן, מוז ער אַמאָל אויפֿהערן.

כך הווה. די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט — און האָט

אויפגעהערט צו ריידן. און אַז דער עולם האָט אויפגעהערט צו ריידן, האָט זיך רב יוזיפל אָנגערופן צו די מאירס און די שניאורס לאַנגזאַם, שטיל און בנעימות, ווי זײַן שטייגער איז, בזה הלשון:

— שמעו נא, רבותים, הערט זשע צו, ייִדן, די מעשה דערפון איז אַזוי. וועדליק איך האָב אויסגעהערט דאָ אײַערע ביידנס טענות און די אַלע טענות פון אַלע איבעריקע בעלי־בתים, זע איך, אַז איר זײַט נעבעך ביידע זייער גערעכט. איר האָט נעבעך ביידע געהאַט איין טאַטן — און אַ שיינעם טאַטן, לאָז ער האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן. דער חסרון איז נאָר, וואָס ער האָט אײַך נעבעך ביידן איבערגעלאָזט סך־הכל איין שטאָט. אַוודאי איז באַ אײַך ביידן טײַער דעם טאַטנס שטאָט, פּאָרט אַן אייגענע שטאָט פון מזרח־וואַנט, אינעם אַלטן, אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש. מיט דער האַנט אַוועקמאַכן קאָן מען דאָס נישט. נאָר וואָס דען? כשם ווי ס'איז אוממעגלעך, אַז איין מענטש זאָל קאָנען פאַרנעמע צוויי שטעט, אַזוי איז אוממעגלעך, אַז צוויי מענטשן זאָלן זיך באַנוגענען מיט איין שטאָט. אַדרבה, מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ סך לײַכטער, אַז איין מענטש זאָל פאַרנעמען צוויי שטעט, איידער אַף איין שטאָט זאָלן זיצן צוויי מענטשן; וואָרעם אַז איין מענטש זאָל, למשל, האָבן צוויי שטעט, זעצט ער זיך אַנידער אַ מאָל אַף דער שטאָט און אַ מאָל אַף יענער, אָבער אַז צוויי מענטשן זאָלן זיך פּרוּוון אין איין צײַט זעצן אַף דעם זעלביקן אָרט — קאָן דאָס נישט זײַן. למשל, אָט האַלט איך די רעכטע האַנט אָט־דאָ אַף דעם ספר. לאָמיר, אַשטייגער, ווען אין דער אייגענער צײַט האַלטן די לינקע האַנט אַפן זעלביקן אָרט, ווי איך האַלט די רעכטע האַנט — קאָן איך נישט. פאַרוואָס? ווײַל דער אייבערשטער האָט אַזוי באַשאַפן די וועלט, און אַ מענטשנס פאַרשטאַנד קאָן דאָס מיטן שכל נישט משיג זײַן. נישט מער, בלײַבט דאָך איבער די קשיא: וואָס טוט מען נעבעך מיט צוויי ברידער, אַז זיי האָבן פּאָרט געהאַט נעבעך נאָר איין טאַטן, וואָס האָט זיי איבערגעלאָזט סך־הכל איין שטאָט? איטלעכן ווילט זיך — פּאָרט אַן אייגענע שטאָט אין מזרח־וואַנט, אינעם אַלטן, אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש. מיט דער האַנט אַוועקמאַכן קאָן מען דאָס נישט! קומט אויס: י ח ל ו ק ו, אַז מע זאָל זיך טיילן. ווי אַזוי זשע טיילט מען אַ שטאָט? אַ שטאָט איז דאָך נישט קיין... קיין... עפּל, וואָס מע צעשנײַדט אים אַף דער העלפט און מע זאָגט: נאַ דיר אַ האַלבע שטאָט און נאַ דיר אַ האַלבע שטאָט. איז פאַראַן

אָבער אַן עצה, אַז איר זאָלט בײדע זיצן אין מזרח־וואַנט אַ שטאָט נעבן אַ שטאָט. דאָס האָב איך שוין דערקלערט, ברוך־השם, מיט מײַן אײגענעם שכל. דהײנו, װיאַזױ? אַזױ װי אײַער טאַטנס שטאָט און מײַן שטאָט זײַנען צװײ שטעט, אַ שטאָט נעבן אַ שטאָט, זעצט איר זיך, ברידערלעך, אַף די בײדע שטעט, װעט איר זיך זיצן געזונטערהײט בײדע, אַ שטאָט נעבן אַ שטאָט, און װעט זיך פאַרשפּאָרן קריגן. אַי װאָס? די קשיא: װאָס װעל איך טאָן אַ שטאָט? איז דער תּירוץ: װוּ שטײט דאָס געשריבן, אַז אַ רב אָדער גלאַט אַ ייִד מוז דװקא האָבן אַן אײגענע שטאָט, און דװקא אין מזרח־וואַנט, און דװקא אינעם אַלטן בית־המדרש? װאָרעם, לאָמיר זיך גוט באַטראַכטן: װאָס איז אַ בית־המדרש? אַ מקום קדוש. װאָס גײען מיר אין בית־המדרש אַרײַן? תּפילה טאָן. צו װעמען? צום אײבערשטן, װוּ געפינט ער זיך? אומעטום, ס'איז מלא כל הארץ כבודו — פול די גאַנצע װעלט! װי באַלד אַזױ, הײַנט װאָס איז דאָ שײַך מזרח, צפון, דרום, גאַנץ אױבן־אָן, אָדער גאָר בײַ דער טיר? אַבי אַ מקום קדוש און אַבי געדאַװנט! משל למה הדבר דומה — צו װאָס איז דאָס געגליכן? צו אַ מלך, װאָס זײַנע צװײ קנעכט זײַנען געקומען צו אים אין פּאַלאַץ אַרײַן בעטן בײַ אים אַ טובה. פּלוצעם האָבן זיך די קנעכט צעשפּאַרט צװישן זיך און זײַנען פאַרן מלך אין די אױגן אַרײַנגעפאָרן אײנער דעם אַנדערן אין די בערד אַרײַן און האָבן גאָר פאַרגעסן, צוליב װאָס זײ זײַנען געקומען און פאַר װעמען זײ שטײען; האָט זײ דער מלך מסתּמא גוט מכבד געװען און האָט באַפוילן, מע זאָל זײ מחילה אַרױספירן: ממה נפשך, איר װילט זיך רײַסן בײַ די בערד, גײט אײַך געזונטערהײט אין דרױסן אַרױס און רײַסט אײַך דאָרטן װיפל אײַער האַרץ גלוסט! װאָס האָט איר צו קריכן צום קײזער אין פּאַלאַץ אַרײַן, אַז איר װײסט ניט, װיאַזױ צו האַלטן זיך?... דאָס איז דער משל, און דער נמשל זײַט איר. גײט זשע אײַך, קינדערלעך, אַהײם און לעבט אײַך אין פרידן, און לאָז אײַער פאָטער זײַן דאָרטן אַ מליץ־יושר פאַר אײַך און פאַר אונדז און פאַר כלל ישראל.

אַזױ האָט געפּסקנט רב יוזיפל דעם משפּט, און דער עולם איז זיך צעגאַנגען אַהײם.

אַף איבעראַכטאָג שבת זײַנען די מאירס מיט די שניאורס געקומען אין בית־המדרש און האָבן זיך אװעקגעשטעלט דאַװנען בײַ דער טיר.

וויפל מע האָט זיי ניט געבעטן, עזריאל דער שמש פון איין זײַט און רב יוזיפל דער רב פון דער אַנדערער זײַט — זיי האָבן נישט געוואָלט זיך זעצן אין מזרח־זײַט בשום אופן ואופן.

ווער ס'איז אַ בעלן אױף אַן אייגענער שטאָט אין מזרח־וואַנט, אײ־נעם אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש, די אַנדערע שטאָט פון רב יוזיפל דעם רב, אין גלײַכן געלט, זאָל ער זיך ווענדן קיין כתרילעווקע צו רב שמשונס קינדער, צו מאירן אָדער צו שניאורן — ס'איז אַלץ איינס: מע וועט זי אײַך פאַרקויפן בזיל הזול, וואָרעם קיינער זיצט נישט אױף איר, נישט מאיר און נישט שניאור. עס שטייט אַ ליידיקע שטאָט — אַן עבירה פאַר גאָט!

גערשריבן אין יאָר 1902